FORWARD
A JEWISH DAILY
Published by THE FORWARD ASSOCIATION
INCORPORATED
Dr. S. SILVERBERG, President — 395 — EPHIM H. JESHURIN, Treas.
175 East Broadway, New York, N. Y. 10002. Phone: GR 5-8000
BROOKLYN OFFICE: M. Shanin, 430 Dumont Ave. — HY 5-4338
BRONX OFFICE: 406 East 149th Street — Telephone: ME 5-5400
QUEENS OFFICE: 47-15 35th Street, Long Island City—ST 4-0900

SUBSCRIPTION MAIL ADDRESS:
175 East Broadway, New York, N. Y. 10002
Subscription Rates (Paid in Advance)

DAILY AND SUNDAY		SUNDAY EDITION ONLY	
1 Year	$25.00	United States, One Year	$10.00
6 Months	13.00	Canada & all Foreign Countries, One Year	$12.00
3 Months	6.75		
1 Month	2.50		

West of Mississippi, Canada and all Foreign Countries
Also Manhattan and Bronx
DAILY AND SUNDAY

1 Year	$26.00	3 Months	7.00
6 Months	13.50	1 Month	2.75

Entered as Second Class Matter at Post Office, New York, N. Y.

די סופרים קאורט אנטשיידונג וועגן אטאמעישאן

מיט א מאיאריטעט פון 5 צו 4 האט דער סופרים קאורט ארויסגעגעבען אן אנטשיידונג, אז יוניאנס האבען א לעגאלע רעכט צו באשיצן די דזשאבס פון זייערע מיטגלידער געגען אטאמעישאן אויב אין זייערע קאנטראקטען מיט די באלעבאטים זיינען פאראן באווארענישען געגען באנוצען פרע-פאבריצירטע מאטעריאלען.

אין צוויי באזונדערע פאלען פון אן ענליכען כאראקטער אין דער בוי-אינדוסטריע האט דער סופרים קאורט באשלאסען, אז די טעפט-הארטלי און לענדרום-גריפין געזעצען האבען ניט פארווערט אזעלכע באווארענישען אין די קאנטראקטען מיט די ארבעטס-געבער. אויב די יוניאן האט אזא אפמאך, האט זי א רעכט צו סטרייקען געגען א באלעבאס, וועלכער גיט אוועק צו אן אנדער פירמע א באשטעלונג אויף פרע-פאבריצירטע מאטעריאלען, וואס וואלטען נארמאל געמאכט געווארען פון ארבעטער אויפ'ן דזשאב.

ריכטער וויליאם דזש. ברענען, וועלכער האט אנגעשריבען די אנטשיידונג אין נאמען פון דער מאיאריטעט, האט געזאגט, אז אויב דער קאנגרעס האט געהאט בדעה אוועקצונעמען ביי די ארבעטער די עקאנאמישע וואפען — א סטרייק — וואס ווערט געוועהנליך געניצט געגען די באמיהונגען פון די באלעבאטים אפצושאפען זייערע דזשאבס, האט דאס געדארפט קלאר פארשריבען ווערען אין דעם געזעץ. אזוי ווי דאס ווערט ניט געזאגט, דארף דער געריכט ניט אויסברייטערען די אבזיכט פון קאנגרעס.

די צעטיילונג פון דעם העכסטען געריכט אין דער פראגע איז ניט געווען אויף די געוועהנליכע ליניעס פון קאנסערוואטיווען און ליבעראלען. צוזאמען מיט ריכטער ברענען זיינען אין דער מאיאריטעט געווען דער הויפט-ריכטער איירל ווארען און די ריכטער אייב פארטאס, באיראן ווהאיט און דזשאן הארלאן. ווהאיט און הארלאן שטימען מערסטענס מיט דעם קאנסערוואטיווען פליגעל.

געגען דעם באשלוס זיינען געווען די ריכטער פאטער סטוארט, טאם סי. קלארק, יוגא בלעק און וויליאם דאגלעס. בלעק און דאגלעס געפינען זיך מערסטענס אין דעם ליבעראלען פליגעל.

די פראגע פאר'ן סופרים קאורט איז ניט געווען צי יוניאנס האבען א רעכט זיך צו שטעלען געגען אטאמעישאן אין אלגעמיין און צו ערקלערען סטרייקס געגען באנוצען מאדערנע מאשינען, וואס פארבייטען מענשען. די ארבעטער באוועגונג פרובירט אפילו ניט צוריקהאלטען דעם פראגרעס, וואס איז די לעצטע יארען געמאכט געווארען אויפ'ן טעכנאלאגישען געביט, כאטש ארבעטער פארלירען דערביי זייערע דזשאבס. ביישפילען דערפון זעהען מיר טאג-טעגליך אפילו אין דער בוי-אינדוסטריע. אט בויט מען איצט אין ניו יארק דעם נייעם מעדיסאן סקווער גארדען מיט פרע-פאבריצירטע שטיקער ווענט, אנשטאט צו גיסען דעם צעמענט און צו לייגען די ציגעל אויפ'ן פלאץ. דאס ווערט געטאן מיט דער צושטימונג פון די יוניאנס אין דער בוי-אינדוסטריע, וועמעס מיטגלידער ארבעטען ביי דעם בנין. דאס איז דערפאר וואס מ'האט זיך אויף דעם פארשטענדיגט פריער.

עס נעהט אבער אין דעם, אז ווען א באלעבאס שרייבט אונטער אן אפמאך מיט א יוניאן ניט צו באנוצען קיין פרע-פאבריצירטע מאטעריאלען, קען ער דאס ניט ברעכען אונטער דער שוץ פון טעפט-הארטלי און לענדרום-גריפין געזעצען. מרעיד יוניאנס האבען א רעכט צו באשיצן זייערע מיטגלידער אויף אזוי ווייט, אז וועניגסטענס אין דער צייט וואס די קאנטראקטען זיינען אין קראפט זאלען זיי ניט פארלירען די דזשאבס. אויף אזוי ווייט איז דער באשלוס פון סופרים קאורט זעהר וויכטיג.

פראצעס אין יוגאסלאוויע

מיכאילא מיכאילאוו, דער 32-יעריגער יוגאסלאווישער שרייבער, וועט היינט הערען דעם פסק-דין פון דעם געריכט אין בעלגראד וואס פארא פרייז ער דארף באצאלען פאר זיין מוט צו שלידערען דעם אמת אין פנים פון די קאמוניסטישע הערשער, אז זיי האבען בארויבט העכער 90 פראצענט פון דער באפעלקערונג פון זייער פרייהייט.

מיכאילאוו ווייסט, אז דאס וועט אים טייער קאסטען. ער ווייסט עס פון דער ערפארונג פון מילאוואן דזשילאס, וועלכער איז אפגעזעסען 9 יאר אין טורמע פאר ענליכע „פארברעכענס", און ער ווייסט עס אויך פון זיין אייגענער ביטערער ערפארונג. צו זיין איצטיגען פראצעס האט מען אים געבראכט פון טורמע, וואוהין ער איז פארשיקט געווארען אויף א יאר פאר קריטיקירען דעם טיטא-רעזשים. דאס האט אבער ניט געבראכען זיין מוט און ניט אפגעשוואכט זיין אנטשלאסענקייט אויפצודעקען פאר דער גאנצער וועלט דאס אמת'ע פרצוף פון דער אזוי-גערופענער „דעמאקראטיע" אונטער קאמוניסטישער הערשאפט. איידער צו זיין אן ארעסטאנט אויף דער פריי מיט א שלאס אויפ'ן מויל, האלט מיכאילאוו, איז שוין גלייכער צו זיצען הינטער א שלאס.

אוודאי קען מען ניט פארגלייכען דעם משפט אין בעלגראד מיט די מאסקווער פראצעסען פון סטאלינ'ס צייטען און אפילו ניט מיט'ן פראצעס פון די צוויי סאוועטישע שרייבער סיניאווסקי און דאניעל, וועלכער איז פארגעקומען הינטער געשלאסענע טירען און די וועלט האט זיך דערוואוסט וואס עס איז אנגעגאנגען אין געריכט פון ארויסגעשמוגעלטע פראטאקאלען. מיכאילאוו ווערט גע'משפט אין אן אפענעם געריכט פאר די אויגען פון 15 אויסלענדישע קארעספאנדענטען, וועלכע אינפארמירען די וועלט וואס עס קומט דארט פאר. עס קען קיין פראגע ניט זיין, אז דאס גיט-צו מוט דעם אנגעקלאגטען. דאס טאר אבער ניט מינערען אונזער באוואונדערונג פאר זיין קוראזש צו קעמפען פאר דער מענשליכער און שרייבערישער ווירדע.

מיכאילאוו ווערט באשולדיגט אין פארשפרייטען פיינטליכע פראפאגאנדע געגען יוגאסלאוויע דערמיט וואס ער האט געדרוקט אין אויסלאנד קריטישע ארטיקלען געגען דעם טיטא-רעזשים. זיין האלטונג אין געריכט איז געווען ניט פון אן אנגעקלאגטען, נאר פון אן אנקלאגער. יא, ער האט געדרוקט ארטיקלען אין אויסלאנד, ווייל אין יוגאסלאוויע קען מען ניט אפדרוקען אן ארטיקעל אדער א בוך, וואס איז קריטיש צו דער הערשענדיגער קליקע. ער האט אבער געשריבען דעם אמת, האט ער געזאגט צו די ריכטער, און ער האט ניט איבערגעטראטען די קאנסטיטוציע, וואס גיט יעדען איינעם די רעכט אויסצודריקען אן אנדער מיינונג.

אויף דער פראגע פארוואס ער איז ניט אוועק קיין אויסלאנד, האט מיכאילאוו געענטפערט: „ווען איך שרייב פונדאנען גאראנטיר איך מיט מיין קאפ אלץ וואס איך שרייב".

ווי אידען לעבען אין אמעריקאנער פראווינץ

דער איינפלוס פון ארבעטער רינג. — 3 שולען אין יעדער שטאט. — די „דזשואיש סענטערס". — ביזנעסלייט און ארבעטער. — דער איד וואס איז געבוירען געווארען אין אשווענטשים. — די אידישע יוגענט און די גייסטיגע ארימקייט. — דער אידישער אונטערנעמונגס-גייסט. — רייזע-איינדרוקען.

פון שלמה בן-ישראל

דער אידישער איינפלוס, וואס דער ארבעטער רינג האט אויסגעאיבט אויף דעם לעבען אין די פראווינץ-שטעט פון דער סאוטה, נעמט ווערען אפגעשוואכט. אבער די ווארצלען וואס דער ארבעטער רינג האט געשלאגען זיינען טיפע און וועלען ניט לייכט פארשווינדען.

טוער, ווי פריינט מיכל מערלין און זיין פרוי אין אטלאנטא, וועמען כ'האב דערמאנט אין מיין פריערדיגען ארטיקעל, האבען זיך געפונען אין יעדער שטאט. מר. און מרס. בעל אין יוסטאן, דעיוו בערמאן און זיין פרוי — דער צווייטער דור פון ארבעטער רינג טוער דארט; די ווינערס אין גאלוועסטאן; דזשאו ריינגאלד אין טשאטאנוגא; מאריס שיר אין סאוואנא, און זייער גלייכען האבען געשלעפט דעם יאך פון געזעלשאפטליכער טעטיגקייט אין זייערע שטעט און געהאלפען באריכערן דאס אידישע לעבען דארט.

זיי האבען געטאן מער ווי זארגען פאר'ן ארבעטער רינג. זיי זיינען געווען אלעמאל די טוער פאר אידישע ענינים אויף אלע געביטען, צי דאס איז געווען אידישע קולטור, אידישע שולה, אידישע צדקה אדער ישראל באנדס.

זיי זיינען אלע געווען און פארבליבען מענשען מיט אידעאלען, און אין דער סאוטה, ווי איבעראל, ווערט דער דור פון אידעאליסטען פארשוואונדען. דער יונגער דור איז אן אנדערער און די וועלט איז איבעראל די זעלבע. ווי אומעטום איבער'ן לאנד זעהען מיר דעם אידישען לעבען קאנצענטרירט ארום דער שוהל אדער דעם דזשואיש סענטער, וואס אפטמאל איז עס איינס און דאס זעלבע. עס איז אבער מערקווירדיג, וואס אין דער סאוט געפינען מיר, פראפארציאנעל, מער ארטאדאקסישע שוהלען ווי אנדערשוואו. אזוי אלענפאלס האט עס אויסגעזען און כ'בין מודה, אז כ'האב ניט געמאכט קיין פארזוך עס פעסטצושטעלען דורך סטאטיסטיק.

אין יעדער שטאט און שטעטעל, וואו איך האב באזוכט, האב איך געפונען דריי שוהלען: אן ארטאדאקסישע, א קאנסערוואטיווע און א רעפארם-טעמפעל. אפילו אין אזא קליינער אידישער קהילה ווי גאלוועסטאן צי טשאטאנוגא, וואס די לעצטע ציילט ארום 2.000 אידען, געפינען זיך אלע דריי „קאנגרעגעישאנס". פאקטיש, זיינען די רעפארמירטע ניט קיין סך אנדערש פון די קאנסערוואטיווע און אויסער א סימבאלישער מחיצה צווישען מענער און פרויען, איז די ארטאדאקסישע שוהל אפטמאל ניט קיין סך אנדערש פון דער קאנסערוואטיווער. צוליב דער אויספרייטונג פון די שטעט פארען אפילו די ארטאדאקסישע שוהל-מעמבערס מיט זייערע קארס שבת און יום כיפור צום דאווענען. זיי לאזען אבער איבער די קאר עטליכע גאסען ווייט פון שוהל.

אין די פרעכטיגע דזשואיש סענטערס, וואס יעדע קהילה האט אויסגעבויט, און איך האב זיי באזוכט אין יעדער שטאט, האב איך געפונען א גוט ארגאניזירטע, ברויזענדע טעטיגקייט פון דער אידישער יוגענט. מען האט זיך געגרייט צו פורים-פייערונגען. דא האט מען צוגעגרייט א פארשטעלונג; דארט האט מען געפירט אן „עלעקשאן קאמפיין" פאר א „קווין עסטער"; קורסען פאר טאנץ, פיזישע איבונגען, קונסט, מאלן, סקולפטור און געזאנג, קלובען, סאנדעי סקול קלאסען און היברו סקול — אלץ איז פאראן, אבער עס פילט זיך א ליידיגקייט, וואס ווערט ניט פארפולט. ס'איז „גוי'אישע אידישקייט", מיינע געשפרעכען, געפירט מיט יוגענטליכע, וואס איך האב געטראפען אין די צענטערס, האבען ביי מיר איבערגעלאזט דעם געפיל, אז אויסער „סאשעל לאיף" זוכען זיי דארט גארנישט און וואס איז נאך טרויעריגער, זיי באקומען דארט גארנישט. אלס א מיטעל צו האלטען אידישע קינדער צוזאמען — איז עס אפשר גוט. אבער דאס לעבען איז שטארקער פון דער מחיצה וואס די צענטערס שאפען, און די גאס, די סקול און קאלעדזש וועלען סיי-ווי-סיי ביישטייערען זייער צאל פון געמישטע הייראטן — די טיפסטע זארג פון אידישע טאטע-מאמע. מיר וועלען נאך צו דער טעמע זיך אומקערן.

* * *

ניט אלע אידען וואס זיינען געקומען אין דער סאוטה האבען זיך גענומען צו ביזנעס; און ניט אלע וואס האבען זיך גענומען צו ביזנעס זיינען רייך געווארען. די מערסטע האבען „געמאכט א לעבען" און זיי דאנקען גאט, וואס זיי קענען „ריטאיערן" מיט אן איינקונפט גענוג דורכצוקומען, ניט דארפען אנקומען צו קינדער.

כ'האב געטראפען טיכטיגע אידישע טוער, וואס האבען זיך אפגעגעבען ס'גאנצע לעבען מיט געזעלשאפטליכע טעטיגקייטען טראץ דעם, וואס זיי האבען שווער געארבעט אלס באלמלאכעס. כ'האב געטראפען א בלעכער, וואס וואלט געקענט רייך ווערען, ווען ער וואלט געוואלט אויסנוצען ארבעטער, אין געגענזאץ צו זיינע סאציאליסטישע אנשויאונגען. איז ער טאקע פארבליבען אן ארימאן.

דאגעגען האב איך געטראפען לינקע, פארברענטע קאמוניסטען, וואס האבען געמאכט פארמעגנס פון אויסנוצען די נעגערשע ארעמקייט. צו איינעם פון מיינע פארטראגען וועגען דער לאגע פון די אידען אין סאוועט רוסלאנד איז געקומען א פארפאלק, די פרוי אויסגעפוצט אין אן אויסשטייער פון דער לעצטער מאדע. איר עכט קראקאדילענער פאקעטבוך פון פראנצויזישער אויסארבעטונג האט „געמעטשט" אירע שיך. די פרוי האט געשטעלט א פראגע, וואס איז געווען א טיראדע געגען די „ליגנס" וואס איך און אנדערע פארשפרייטן וועגען סאוועט-רוסלאנד. פאר די אידען איז רוסלאנד א גן עדן, האט זי געזאגט.

אט די פרוי און מאן האבען, ווי מען האט מיר שפעטער דערציילט, געמאכט א פארמעגען פון ריעל עסטעיט און פון מארקעטס, וואס זיי האבען אין די נעגערשע געגנטן. זיי פארדינגען וואוינונגען און פארקויפען עסענווארג און שינדען א הויט.

די ערשיינונג פון קאנטראסט איז, פארשטעהט זיך, ניט קיין ספעציפישע פאר דער סאוטה. עס דארף דא אבער פארצייכנט ווערען, אז די סאמע פארשפרייטסטע פרנסה פון אידען אין דער סאוטה קומט פון פארקויפער צו דער שווארצער באפעלקערונג און לעצטענס פון ריעל עסטעיט אין די געגנטען וואו עס לעבען נעגערס. אבער די אידישע ביזנעסלייט, — אלענפאלס די מערסטע פון זיי — שינדען ניט די הויט. זיי ארבעטען שווער (און וועגען דעם וועט אונז נאך אויסקומען צו דערציילען). אבער זיי באהאנדלען די קונדען ארענטליך און העלפען זיי מיט קרעדיט אפילו ווען די קרעדיטפעאיגקייט פון קונד איז א צווייפעלהאפטע.

די מערסטע פון נייע געקומענע פון דער שארית הפליטה, וואס האבען זיך פארוואלגערט אין דער סאוטה, האבען זיך גענומען צום האנדעל, אבער א סך פון זיי זיינען ארבעטער. פאר א איד פון פוילען איז דער קלימאט פון טעקסאס, צום ביישפיל, א שווערער צו דערליידען, און פיזישע ארבעט אין א הייסען קלימאט, צו וועלכען מען איז ניט געוואוינט, פאלט שווער.

דאך האבען זיי זיך גענומען צו פיזישער ארבעט, ווייל דאס איז געווען די ערשטע מעגליכקייט צו שלאגען זיך צו א שטיקעל ברויט. איך האב געטראפען א סך אזעלכע מענשען. זיי געהערען מערסטענס צו דער ארבעטער רינג משפחה. איינער פון זיי האט זיך איינגעקריצט ביי מיר אין זכרון, אפשר דערפאר ווייל ער האט מיר דערציילט, אז ער איז געבוירען געווארען אין אשווענטשים, די שטאט אין פוילן וואס איז שפעטער טרויעריג בארימט געווארן אלס אוישוויץ.

ער הייסט מרדכי ריגער, זיין פרוי שטאמט פון פיעטריקאוו. ער און א חבר, אויך א ניי-געקומענער, האבען זיך באזעצט אין גאלוועסטאן און ארבעטען אלס „פאיפ-פיטערס" ביי א באקאנטער אויל-קאמפאני אין טעקסאס.

דער צווייטער און דריטער דור פון די אידישע „פיאנערן" אין דער סאוטה איז שוין א „קאלעדזש דור" און זעלטען ווען די קינדער פאלגען נאך דעם פאטער'ס שריט. זיי ווערן לאיערס, דאקטוירים, אינזשינירען און דאס גלייכען. דער יונגער אידישער דור נעמט אויך א גרויסען אנטייל אין לאקאלער און סטעיט פאליטיק און די פראפארציע פון אידישע „פאליטישענס" אין דער סאוטה איז א סך גרעסער ווי עס איז די פראפארציע פון אידען דארט.

א ביישפיל פון א איד פון ליטע וואס האט זיך פארוואלגערט אין טעקסאס, אויפגעבויט א ביזנעס, איז רייך געווארען, שטעלט פאר מיט זיך יוסף סוויף. איך דערצעהל עס דא, ווייל ער איז כאראקטער־

(שלוס אויף זייט 2)

דר. לוטער קינג פארגלייכט וויעטנאם מיט'ן חורבן

דער נעגער-פירער האט ארויסגערופן פראטעסטן איבער זיין פארגלייך. — פראפעסאר העשל'ס באמערקונג. — גינטער גראס און דזשעימס באלדווין. — פארוואס פרובירן די אראבער צו מינערן דעם באדייט פון חורבן? — דער צוזאג פון אינטעלעקטואלען.

פון אליעזר ווייזעל

מארטין לוטער קינג, דער מוטיגער קעמפער פאר ציוויל-רעכט, האט ערשט ניט לאנג צוריק ארויסגערופן פארדרוס אין אידישע קרייזען, בשעת ער האט געצויגען א פארגלייך צווישען אמעריקע און היטלער'ס דייטשלאנד. ער האט, אין אן עפענטליכער רעדע, ערקלערט אז וואס די דייטשען האבען געטאן אין אייראפע — טוט איצט אמעריקע אין וויעטנאם: גענוי ווי די דייטשען האבען אויסגעפרואווט נייע מעדיקאמענטען און פייניגונגס-מעטאדען אין די קאנצענטראציע לאגערן, פרובירט אויס - אמעריקע נייע וואפען אויף די פויערים אין וויעטנאם.

גלייך נאכדעם ווי קינג האט פארענדיגט זיין רעדע, האט זיין נאענטער פריינט, דער בארימטער אידישער דענקער, פראפעסאר אברהם יהושע העשל, געצויגען זיין אויפמערקזאמקייט, אז דער פארגלייך איז ניט געווען אויפ'ן ארט. דער משל האט ניט קיין שייכות מיט דעם נמשל.

אנדערע אידישע געזעלשאפטליכע פיגורען האבען רעאגירט נאך שארפער. דער קאמאנדיר פון דער ארגאניזאציע פון אידישע קריגס-וועטעראנען, מר. מאלקאלם טארלאוו, האט אין א סטעיטמענט, פראטעסטירט געגען קינג'ס „מיאוס'ע" רייד.

ליידער איז דער נעגער-פירער ניט דער איינציגער, און ניט דער ערשטער, וואס ציט פאראלעלען צווישען חורבן-פעריאד און איצטיגען. אנדערע האבען עס געטאן פאר אים און זיך באנוצט מיט מער וואולגארע אויסדרוקען.

פיל דייטשען — דארונטער פון יונגען דור — שעמען זיך ניט צו זאגען, אז עס איז ניטא קיין אונטערשיד צווישען די אוישוויץ-מערדער און די וועלכע האבען באמבארדירט דרעזדען. דער אנטי-נאצישער שרייבער גינטער גראס האט, אין ירושלים, פארמולירט אן ענליכע אידעע; לויט אים געהערען אדאלף אייכמאן און לאורענטי בעריא צו דער זעלבער קאטעגאריע; ער האט פארגליכען די דייטשע פארברעכנס געגען אידישען פאלק צו די אמעריקאנער שלאכטען געגען די אינדיאנער.

אין אמעריקא אליין וועט איר טרעפען ליבעראלען, וואס האלטען, אז אוישוויץ און הירשימא שטעלען מיט זיך פאר די זעלבע שולד. דזשעימס באלדווין געהט נאך ווייטער און זאגט, אז דער ווארשעווער געטא - אויפשטאנד „האט עפעס בשותפות'דיג" מיט די ראסיסטישע אנטי-ווייסע ראיאטען אין לאס אנדזשעלעס.

דער מוסר-השכל דערפון איז, אז מארטין לוטער קינג'ס ארויסטריט שפיגעלט-אפ אן אלגעמיינעם צוגאנג, וואס נעמט-ארום פארשידענע קרייזען, לענדער און פילאזאפישע אנשויאונגען.

אין דער פראגע פון אפשאצען דעם חורבן, באגעגענען זיך רעאקציאנערע און ליבעראלע עלעמענטען: זיי שטרעבען צו מינערן זיין באדייט און לייקענען זיין ספעציפישקייט. נעא-נאצישע צייטונגען פון איין זייט, און עקסטרעם-לינקע פון דער אנדערער, באנוצען זיך מיט'ן זעלבען ארגומענט, נעמליך, אז דאס דייטשע פאלק איז נישט קיין אויסנאם: פאנאר און טרעבלינקע זענען ווייטער טעטיג, נאר איצט האבען זיי אנדערע נעמען, ווייל מערדער און קרבנות קומען פון אנדערע ערטער. דער דאזיגער שעדליכער געדאנקען-גאנג האט דערפירט דערצו, אז אראבישע דיפלאמאטען האבען, אין דער יו"ען, אנגעגריפען מדינת ישראל און זי באצייכענט אלס „נאציש".

אז די אראבער באמיען זיך צו מינערן דעם פארנעם פון חורבן — איז קלאר. זייער מאטיוו איז פארשטענדליך. זיי זענען אינטערעסירט, אז ווען ניט דער אומקום פון אייראפעאישן אידענטום, וואלט מדינת ישראל אזוי שנעל ניט אנטשטאנען. איז מוזען זיי אטאקירען די אורזאך, כדי אפצושוואכען דעם רעזולטאט. אויב דער חורבן איז ניט עפעס אנדערש ווי אן עפיזאד אין דער געשיכטע, וועט עס, לויט די אראבער, זיין גילטיג אויך וועגען דער אידישער מדינה, וועלכע איז ארויסגעוואקסען פון אייראפעאישען פייער.

עס איז אויך פארשטענדליך פארוואס אנטיסעמיטישע שרייבער פרעדיגען אן אוניווערסאלען צוגאנג צו דער דאזיגער פראגע: אויב אוישוויץ איז ניט עפעס אנדערש ווי וויעטנאם — דאן דארף מען זיי אליין באטראכטען אלס פאטריאטען, און ניט אלס מארד-העצער: מיט וואס זענען זיי דען אנדערש פון אמעריקאנער זשורנאליסטען, וועלכע שטיצען די מלחמה אין וויעטנאם? אויב וויעטנאם איז נאר א ווידערהאלונג פון טרעבלינקע, זענען דאך די בראזיליאנער מיניסטערען גערעכט, ווען זיי קווענקלען זיך אויסצוליפערען דעם תליון פון זיבען הונדערט טויזענט אידען, פראנץ שטאנגעל: ער האט „אויסגעפירט באפעלען", גענוי ווי פילאטען פירען אויס באפעלען אין וויעטנאם.

אבער — פארוואס זענען ליבעראלע אינטעלעקטואלען — דארונטער פיל אידען — אזוי טיף פאראינטערעסירט צו פארקלענערען די חורבן-געשעהענישען מיט זייערע פאליטיש - פסיכאלאגישע אויסטייטשונגען? ווארשיינליך איז עס, ווייל זיי האבען מורא צו לעבען אין שאטען פון דער מיסטעריע וואס יעדער געטא האט פארקערפערט. זיי שטרעבען צו פארשטיין וואס עס איז דארט פארגעקומען: ווי אזוי האט א גאנץ פאלק געקענט איבערנאכט ווערען בלינדע אינסטרומענטען פון מלאך המות? ווי אזוי האט די פרייע וועלט געקענט שווייגען און פארשווייגען אזוי לאנג, וויסנדיג אז יעדער טאג גיט מען דעם הימעל טויזענטער קרבנות? יעדער פילבארער מענש זוכט ענטפערס אויף פראגען. אבער די דאזיגע פראגען בלייבען אומפארענטפערט. אויף דעם געביט פון חורבן זענען פאראן מדרגות פון אומוויסען, און ניט פון וויסען. וואס מער פאקטען מען אנטדעקט, אלץ ווייניגער פארשטעהט מען זיי. אויף יענער זייט מויער, אויף יענער זייט נאכט, איז אויך דער מענשליכער פארשטאנד — און ניט זיין הארץ — מיט'ן רויך אין ווינט פארשוואונדען.

איז נאכדעם ווי מען קען ניט באנעמען מיט די חושים פון קערפער און פון דער נשמה דעם סוד פון אוישוויץ, זוכט מען א לייכטערען וועג: מען פארגלייכט אוישוויץ צו וויעטנאם. וויעטנאם קען מען יא אויפקלערען. מען ווייסט פארוואס עס פאלען דארט מענשען. מען ווייסט ווי אזוי די טראגעדיע האט זיך אנגעהויבען און ווי אזוי מען קען זי ענדיגען. ניטא קיין געהיימניס אין וויעטנאם. אלצדינג איז דארט קלאר און פארשטענדליך. די מלחמה איז א מלחמה, דער פראנט איז א פראנט, דער שונא האט א נאמען, א פנים, און פון זיינע אויגען קוקט-ארויס די שווארצקייט פון האס און פון טויט. דעריבער ציט מען פאראלעלען צווישען די צוויי געשעענישען: מען קומט-אן צו וויעטנאם, ווייל מען אנטלויפט פון אוישוויץ. עס איז לייכטער אזוי. עס איז באקוועמער צו טראכטען, אז דארט, אין קעניגרייך פון שטעכל-דראטען, האבען מענשען געטאן נאר דאס וואס זיי טוען אויך איצט. אזעלכע מחשבות ערמעגליכען דעם אינטעלעקטואל זיך אויסצוקויפען פאר א ביליגען פרייז: עס איז — לויט זיי — גענוג צו קעמפען געגען דער וויעטנאם-מלחמה, כדי זיך ריינצוואשען פאר דער זינד, וואס דער חורבן האט אויף דער גאנצער מענשהייט ארויפגעלעגט.

דער צוגאנג איז א פאלשער. אוישוויץ איז און בלייבט א איין-איינציגע ערשיינונג. טרעבלינקע איז ניט קיין משל. קיינער וועט קיינמאל ניט אויפקלערען באבי-יאר און סאביבאר. וואס עס איז דארט פארגעקומען, וועט מער קיינמאל ניט פאסירען. הירשימא און וויעטנאם — ווי אויך די הירשימא פון דער צוקונפט — זענען רעזולטאטען. אבער ניט קיין אפשפיגלונג פון אוישוויץ.

ווארשע און שאנכאי

פון משה עלבוים

צום היינטיגן אנדענקטאג, דעם 19טען אפריל. — די גרוסען, וואס זיינען געקומען דורך לופט-כוואליעס. — די דייטשע „האנט", וואס האט זיך געצייגט אויף צען טויזנט מייל. — פאקטען וועגען דעם צוגעגרייטען „ציקלאן"-גאז און וועגען אן איטאליענישער טראנספארט-שיף אין האפען פון שאנכאי.

פאר אונזער איינעם, וואס שטאמט פון דארטען און איז בלויז דורך א קליינעם צופאל פון גורל צווישען די לעבעדיגע, איז אוממעגליך היינט צו טראכטען וועגען עפעס אנדערש ווי וועגן דעם יארטאג. און ווען עס קומט-אן די טעג פון דערמאנונגען ווערט אלץ אויפגעפרישט אין זכרון, ווי נעכטען וואלט עס געווען. און ביים שרייבער פון די שורות שווימען ארויף צוויי דארטענס פון די אפריל-טעג אין יאר 1943 — פוילען און כינע, ווארשע און שאנכאי.

ווארים די זעלבע שטריק האט זיך געצויגען איבער צען טויזענט מייל דורך צוויי וועלט - טיילען. די זעלבע פעטליע איז געווען פארווארפען איבער'ן האלז און די זעלבע האנט, וואס האט אונטערגעשריבען דעם באפעל וועגן דער „ענדגילטיגער לייזונג פון דער אידען-פראגע אין אייראפע", האט אויך דערגרייכט צו די 20 טויזענט אייראפעאישע פליטים אין שאנכאי.

און אט די שאנכאיער — וואס איך בין איינער פון זיי — דארף מען היינט דערמאנען צוזאמען מיט די ווארשעווער און דערמיט אויך באערען די, וואס זיינען דארט פארבליבען אויף אייביג, אין די קברים אויפ'ן באיקאל בית-עולם...

• • •

לאמיר דערציילען א שטיקעל געשיכטע, לויט די ידיעות וואס זיינען איצט שוין ברייט באקאנט: אין חודש פעברואר — לויט טייל דאקומענטען איז דאס געווען דעם 18טען פעברואר — פון יאר 1943, האט די היטלער-אנפירונג פון דער געסטאפא אין פוילען באקומען דעם באפעל, אז אין פארלויף פון חודש אפריל זאלען אלע געטאס „ליקווידירט" ווערען און די פארבליבענע אידען זאלען געשיקט ווערען אין די טויט-לאגערען.

און — דעם 18טען פעברואר, דעם זעלבען טאג פון דעם זעלבען יאר, איז אין שאנכאי דערשינען א פראקלאמאציע פון דער יאפאנעזישער מיליטער - קאמאנדע, אז אלע שטאטלאזע (געמיינט בלויז די אידען פון אייראפע: דייטשלאנד, עסטרייך, פוילען, טשעכאסלאוואקיע) מוזען זיך אריבערקלייבען אין דעם שטאט - טייל האנקיו און וואוינען בלויז אין באשטימטע גאסען, אפגעטיילט פון די אנדערע קווארטאלען. דער טערמין פון אריבערגעהן אין געטא איז געווען דער חודש אפריל.

מיר האבען דעמאלט ניט געוואוסט וועגען דער ענליכקייט פון די באפעלען אין פוילען און אין דער יאפאנ-אקופירטער כינע. כאטש מיר האבען אויף פארשידענע אופנים געפילט, אז אין שאנכאי „ארבעט" די דייטשע געסטאפא און אז אין דער געטא-פראקלאמאציע שטעקען דייטשע הענט.

אבער דעם 20סטען אפריל, דעם ערשטען טאג פסח — אין אייראפע איז עס נאך געווען דער 19טער אפריל, די ערשטע סדר - נאכט — האבען מיר באקומען דעם ערשטען באריכט וועגען „עפעס א פאסירונג" אין ווארשע: אין דער נאצי - צייטונג „אסטאזיאטישער לאיד", וואס איז דערשינען אין שאנכאי, איז געווען געדרוקט א קורצע טעלעגראמע פון בערלין, אז „אין דער פארגאנגענער נאכט האבען אידישע באנדיטען אטאקירט דייטשע וואך-סאלדאטען אין ווארשעווער געטא און געטויט צוויי מיטגלידער פון דער ווערמאכט".

אין פארלויף פון טאג האט דער דייטשער ראדיא אין שאנכאי עטליכע מאל איבערגע'חזר'ט דעם קורצען באריכט, וואס האט אונז אלעמען צעטומלט: מיר האבען ניט געוואוסט צי עס איז „גוט" אדער „שלעכט". אבער די, וואס האבען פארמאגט קורץ-כוואליע ראדיא-אפאראטען, האבען שוין געהערט ווייטערדיגע באריכטען פון אמעריקאנער קוועלען אין סאן פראנציסקא און פון אויער-צו-אויער האט מען זיך איבערגעגעבען, אז אין ווארשעווער געטא איז אויסגעבראכען א באוואפענטער אויפשטאנד פון די אידען, אז דער אויפשטאנד האלט-אן און עס פאלען קרבנות פון ביידע זייטען.

דאס איז געווען אין די טעג ווען הונדערטער פון אונז, וואס האבען געוואוינט אין די פריערדיגע אמעריקאניש - ענגלישע און פראנצויזישע געגענטען פון שאנכאי, האבען אין אייליניש געזוכט דירות אין דעם „ספעציעלען קווארטאל", וואס איז אויסגעטיילט געווארען פאר די „שטאטלאזע". (שפעטער האבען די יאפאנעזער זיך שוין אויפגעהערט שעמען און אנגערופען די „שטאטלאזע" ביים נאמען: אידען).

און עס האט זיך אנגעהויבען א כוואליע פון רדיפות און פייניגונגען סיי געגען די, וואס האבען זיך ניט אריבערגעקליבען אין צייט, סיי געגען די, וואס האבען פארלאזען די געטא אהן אן ערלויבעניש. די ווידערשפעניגע זיינען איינגעזעצט געווארען אין טיפוס-אנגעשטעקטע טורמע - קאמערן און די מערסטע זיינען פון דארט ארויס — צום בית-עולם...

אזוי איז געגאנגען דאס „לעבען" אין דער ווייט-מזרח'דיגער געטא, וואס האט זיך אנגעהויבען אין אפריל פון יאר 1943, אין דער זעלבער צייט ווען די געטאס פון אייראפע האבען זיך פארענדיגט.

און די ראדיא - כוואליעס האבען כסדר געבראכט גרוסען, וואס האבען ארויסגערופן א צווייפאכיגע ציטער: פון טרויער און פון שטאלץ — איבער דעם אומקום פון אונזער פאלק, פון די נאענטסטע און טייערסטע און איבער זייער גבורה, וואס האט אויך אונז אנגעטאן אדלער-פליגלען.

און מיר, די פארווארפענע אין גלות-שאנכאי, אין די ענגע געסלעך פון האנקיוגעטא האבען אלץ ניט געוואוסט, אז אויך מיר זיינען פאר'משפט'ע און ווי נאענט מיר זיינען צו אלע אונזערע אין ווייטען דארטען. ערשט נאך דער מלחמה איז ארויסגעקומען דער טראגישער סוד:

אז אויפ'ן לופט-פעלד פון דער פו-טונג געגענט, צען מייל פון שטאט, האבען יאפאנעזער געבויט באראקען און אז דארט זיינען געשטאנען די שטאלענע פלאשען מיט'ן „ציקלאן 2" גאז, דער גאז פון דייטשער אויסארבעטונג...

די דייטשע געסטאפא - אינסטרוקטארען און זייערע יאפאנעזישע „שילערס" האבען שוין אבער ניט געהאט קיין צייט דורכצופירען דעם טייוולאנישען פלאן, ווארים דאס פו-טונג לופט-פעלד איז כסדר באמבארדירט געווארען פון אמעריקאנער פליענדיגע פעסטונגען, די „בי-29" עראפלאנען.

אויך דער צווייטער „פראיעקט", אז די אינטערנירטע איטאליענישע שיף „קאנטע ווערדע" זאל פירען טראנספארטען צו טויזענט אידען צו אן אינזעל אויפ'ן יאנג-טסע טייך — דער פלאן איז צעשטערט געווארען, ווייל די „קאנטע ווערדע" האט אויפגעריסען פון באמבעס און איז געזונקען ווי נאר די מאטראזען זיינען געלאזען געווארען אין באוועגונג אויף פראבע!

און ווידער דארף היינט דערמאנט ווערען די פארבינדונג פון די צוואנציג טויזענט אידען אין שאנכאי מיט די מיליאנען ברידער אין אייראפע — א צופאל פון גורל, אדער אפשר גאר אן אויסגערעכנטער באפעל פון אן אומבאקאנטען אמעריקאנער קאמאנדיר, איינער פון די ל"ו צדיקים:

דאס באמבארדירען און זינקען די „קאנטע ווערדע" אין די וואסערען פון שאנכאי (ווי די דייטשען וואלטן געזאגט אויף זייער שפראך: „די קאנטע ווערדען די ענדע דעם שאנגהאי יודענטומס") איז פארגעקומען דעם 19טען אפריל, 1945, פונקט צום צווייטען יארטאג נאכ'ן אויפשטאנד אין ווארשעווער געטא!

דער
„פארווערטס"
איז די איינציגע אידישע צייטונג וואס האט אייגענע קארעספאנדענטן אין די הויפט צענטערס פון דער וועלט.
•
זיי שיקען אונז רעגלמעסיגע באריכטען און ארטיקלען וועגען די וויכטיגסטע געשעהענישען אין אלע לענדער.